אויף תיכף ארויסצוגעבן: 9/9/2025 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנער האקול פייערט פארענדיגונג פון MICRO BIRD'ס נייע 38 מיליאן דאלארדיגע פאראייניגטע שטאטן מעניופעקטשורינג איינריכטונג אין פלאטסבורג**

***Micro Bird עפנט זיך אפיציעל ביי געוועזענע Nova Bus לאקאציע, ברענגענדיג צום ווייניגסטנס 350 דזשאבס צו קלינטאן קאונטי***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט לאקאלע פירער און פירמע עקזעקיוטיוון צו פייערן די עפענונג פון Micro Bird'ס נייע פאראייניגטע שטאטן מעניופעקטשורינג איינריכטונג אין פלאטסבורג, קלינטאן קאונטי. Micro Bird – א געמיינזאמע אונטערנעמונג צווישן Blue Bird Corporation און Girardin, די גרעסטע מעניופעקטשורער פון קליינע סקול באסעס אין צפון אמעריקע – האט אפיציעל אנגעהויבן אפעראציעס ביי די געוועזענע Nova Bus איינריכטונג אויף Banker Road, וועלכע די פירמע האט איבערגעבויט פאר די נייע צוועק נאכפאלגנדיג Nova Bus'ס פלאנירטע אוועקציהאונג פון פלאטסבורג.

"די היינטיגע פייערליכע עפענונג צייכנט אפ א נייע קאפיטל פאר פלאטסבורג", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר זענען שטאלץ צו אויפנעמען Micro Bird צו די נארט קאנטרי, וואו די פירמע נוצט אויס אונזער פעהיגע ארבעטסקראפט, בליהענדע טראנספארטאציע אינדוסטריע און גרויסארטיגע ראיאנישע אינוועסטירונגען. די נייע איינריכטונג פארשטערקערט די לאקאלע עקאנאמיע, שאפט גוטע דזשאבס און בויט א לעכטיגערע צוקונפט פאר דעם ראיאן און פאר גאנץ ניו יארק."

די נייע איינריכטונג, וואס וועט בויען סיי עלעקטרישע און סיי נישט-עלעקטרישע קליינע און מיטלמעסיגע סקול און קאמערציעלע באסעס, האט ארייַנגערעכנט א 38 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין אינפראסטרוקטורישע אויסגאבן און טרענירונג, און עס וועט שאפן 350 פולֿ-טיים דזשאבס אין לויף פון פינף יאר. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) שטיצט דעם פראיעקט מיט ביז אזויפיל ווי 9.825 מיליאן דאלאר אין טעקס קרעדיטס פון דעם Excelsior Jobs פראגראם – וואס ווערן געגעבן אויפן תנאי אז די פירמע וועט ערפילן אירע דזשאבס פארשפרעכן – און א 2.5 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע גרענט, רעקאמענדירט דורך די נארט קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (North Country Regional Economic Development Council). אין צוגאב, האט די ניו יארק פאוער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) צוגעטיילט פאר Micro Bird 640 קילאוואַטס פון ביליגע עלעקטריציטעט אונטער דעם ReCharge NY פראגראם צו שטיצן דעם פראיעקט אין מערען. ReCharge NY פארשטערקערט ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע דורכן גיבן א שטופ פאר פירמעס צו היטן אויף עקזיסטירנדע דזשאבס און שאפן נייע, בשעת'ן אויפטרייבן אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג אריבער די סטעיט.

גאווערנער Hochul (האקול) האט פערזענליך פארזיכערט א שטארקע צוקונפט פאר די Banker Road לאקאציע, ארבעטנדיג דירעקט מיט די Volvo Group – די פירמע וואס איז די אייגנטומער פון Nova

Bus – און פאַראַרדענענדיג פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צו שטיין אין שפיץ פון באמיאונגען צו פארזיכערן אן אנדערע פירמע וואס זאל איבערנעמען די פלאץ. די פרוכט פון די באמיאונגען זענען היינט געשניטן געווארן, מיט די באנייאונג צערעמאניע אפצייכענענדיג א נייע קאפיטל פאר די איינריכטונג און פאר די קאמיוניטי.

**Micro Bird פרעזידענט און CEO, Eric Boulé (עריק בוּלעי), האט געזאגט,** "די פייערליכע עפענונג איז א שטאלצער מאמענט פאר אונזער גאנצע מאנשאפט. מיט אונזער נייע איינריכטונג, טאפלען מיר אונזער פראדוקציע קאפאציטעט, און מיר ברענגען דערמיט דויערהאפטיגע באסעס פון א הויכע קוואליטעט נאענטער צו אונזערע קליענטן אין די פאראייניגטע שטאטן. פלאטסבורג איז געווען די פאסיגסטע אויסוואהל — אפפערנדיג א פעהיגע ארבעטסקראפט, זייענדיג נאענט צו וויכטיגע מארקעטס און מיט א שטארקע נעטווארק פון מעניופעקטשורינג אינדוסטריע פירמעס. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר אונזערע ארבייטער און פאר די אנטשיידענע שטיצע פון ניו יארק סטעיט און לאקאלע שותפים. מיר קוקן ארויס צו ביישטייערן צו די וואוקס און הצלחה פון דעם ראיאן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופ נייט), האט געזאגט,** "די היינטיגע באנייאונג צערעמאניע פון Micro Bird'ס נייע איינריכטונג אין קלינטאן קאונטי צייכנט אפ א באגייסטערנדע דערגרייכונג וואס וועט פארשטערקערן ניו יארק'ס טראנספארטאציע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע און צושטעלן גוטע דזשאבס פאר דעם ראיאן'ס פעהיגע ארבעטסקראפט. דער פראיעקט וואלט נישט מעגליך געווען אן גאווערנער Hochul'ס (האקול) דירעקטע פארמישונג, און די הצלחה דערפון איז א געוואונס פאר די נארט קאנטרי און גאנץ ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק פאוער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, Justin E. Driscoll (דזשאַסטין ע. דריסקאל), האט געזאגט,** "Micro Bird'ס באשלוס צו אוועקשטעלן זייער נייע מעניופעקטשורינג איינריכטונג אין פלאטסבורג שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון פארלעסליכע און אפאָרדעבעל ענערגיע פאר עקאנאמישע וואוקס. דורכן סטראטעגיש צוטיילן ביליגע עלעקטריציטעט דורך דעם ReCharge NY פראגראם, טוט NYPA טרייבן גרויסארטיגע אינוועסטירונג און שטיצן דזשאבס אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. Micro Bird'ס נייע איינריכטונג שפיגלט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס פאר מעניופעקטשורינג אין די נארט קאנטרי, און איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע ווירקונג דערפון אויף דעם ראיאן און אויף די סטעיט'ס ריינע טראנספארטאציע אינדוסטריע."

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שוּמער) האט געזאגט,** "Micro Bird איז אפיציעל אפן פאר ביזנעס אין פלאטסבורג! באסעס אריבער אמעריקע וועלן בקרוב ווידעראמאל געזעהן ווערן מיט די 'געמאכט אין די נארט קאנטרי' שטעמפל דורך פלאטסבורג'ס שטארקע ארבעטסקראפט. ווען איך האב געהערט איבער די פארשליסונג פון די געוועזענע Nova Bus פאבריק, וואס איז געווען די הארץ קלאפ פון די קאמיוניטי, האב איך באלד אנגערופן Volvo'ס עקזעקיוטיווע פירערשאפט צו רופן אויף זיי צו טוהן די ריכטיגע זאך און טרעפן א נייע מעניופעקטשוּרער צו איבערנעמען די פלענט. Micro Bird'ס פירער האבן געוויזן אז זיי קימערן זיך איבער די קאמיוניטי און איבערן פארזעצן זייער לאנגיאריגע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע דורכן היטן אויף הונדערטע שיין-באצאלטע דזשאבס דא אין קלינטאן קאונטי. איך בין דאנקבאר פאר די נארט קאנטרי טשעימבער אָוו קאמערס ( North Country Chamber of Commerce) און פאר גאווערנער Hochul (האקול) וועלכע האבן צוזאמגעשטעלט א פאנטאסטישע מאנשאפט צו העלפן אהערברענגען די אינוועסטירונג כדי פלאטסבורג זאל קענען פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד אין טראנספארטאציע מעניופעקטשורינג."

**קלינטאן קאונטי לעגיסלאטור טשעירמאן, Mark Henry (מארק הענרי), האט געזאגט,** " Micro Bird'ס פייערליכע עפענונג איז א באגייסטערנדע דערגרייכונג פאר קלינטאן קאונטי. זייער באשלוס צו אינוועסטירן דא שטרייכט אונטער די שטארקייט פון אונזער ארבעטסקראפט, די ווירדע פון אונזער

לאקאציע און די שטיצנדע ביזנעס קלימאט וואס מיר האבן געבויט. מיר זענען שטאלץ צו ענטפאנגען Micro Bird, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די גוטע דזשאבס, עקאנאמישע וואוקס און שטארקע שותפות'ן וועלכע וועלן קומען פון זייער אנוועזנהייט אין אונזער קאמיוניטי."

**פלאטסבורג טאַון סופערווייזער Michael S. Cashman (מייקעל ס. קעשמען, האט געזאגט,** "מאמענטן ווי דער היינטיגער טאג געשעהען נישט צופעליג — זיי געשעהען ווייל מענטשן קומען זיך צוזם מיט א געמיינזאמע פארפליכטונג צו בויען געלעגנהייט. בין איך שטאלץ צו האבן געשפילט א ראלע צוזאמען מיט אזויפיל איבערגעגעבענע פירער ביים העלפן Micro Bird טרעפן א היים אט דא אין פלאטסבורג. די אויסברייטערונג באעהרט די שטארקייט פון אונזער ארבעטסקראפט, שטיצט ארבעטנדע פאמיליעס און פארשטערקערט די נארט קאנטרי'ס רעפוטאציע אלס א פלאץ וואו ערפינדערישקייט און קאמיוניטי בליהען זייט ביי זייט. אין נאמען פון אונזער קאמיוניטי, טוהען מיר ווארעם ענטפאנגען Micro Bird צו די טאון אָוו פלאטסבורג."

**TDC פרעזידענט און CEO, Danielle King (דעניעל קינג), האט געזאגט,** "TDC איז באגייסטערט ביז גאר צו פייערן די אפיציעלע פייערליכע עפענונג פון Micro Bird אין פלאטסבורג. זייערע לאקאציעס ביי די Banker Road און די Air Industrial אינדוסטריאלע קאמפלעקסן שאפן געלעגנהייטן און גיבן אריין באגייסטערונג און ענערגיע אין אונזער מעניופעקטשורינג אינדוסטריע. TDC איז שטאלץ צו זיין טייל פון די מאנשאפט וואס ענטפאנגט זיי, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען און צוזעהן זייער וואוקס אין דעם ראיאן."

**נארט קאנטרי טשעימבער אָוו קאמערס פרעזידענט און CEO, Garry Douglas (גערי דאָגלעס), האט געזאגט,** "ערזעצן אן ארויסגייענדע פירמע מיט אן ענליכע מעניוּפעקטשוּרער איז א זאך וואס ווערט כמעט קיינמאל נישט עררייכט. און דאס מאכט די הצלחה אזוי דערפרייענד, גאראנטירנדיג אז באסעס געמאכט דורך א פעהיגע ארבעטסקראפט אין פלאטסבורג וועלן פארזעצן צו געזעהן ווערן אריבער דאס לאנד. איך קען נישט גענוג באדאנקען די לאקאלע מאנשאפט וואס די טשעימבער האט צוזאמגעשטעלט פאר זייער צוזאמענארבעט און איבערגעגעבנקייט, אריינרעכענענדיג די קלינטאן קאונטי IDA, TDC און די טאון אָוו פלאטסבורג, און אזוי אויך פאראייניגטע שטאטן סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שוּמער) וועלכער האט געגעבן זיין שטארקע שטיצע ווען געבעטן. אבער מער פון אלעם — גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), וועלכע איז געווען אונזער קעמפערין פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג יעדע טריט פון די וועג! עס איז נישט געווען בלויז איר מאנשאפט וואס האט געארבעט מיט אונז. זי האט גאר פערזענליך גענומען אן אקטיווע טייל אין פארבינדונג, שתדלנות און מיטן צושטעלן די נויטיגע סטעיט שטיצע. זי האט פארשטאנען ווי וויכטיג דאס איז געווען. ווייטער און פאראויס און ארויף אויפן באס!"

**קלינטאן קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור ( ,Industrial Development Agency IDA) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Molly Ryan (מאַלי רייען), האט געזאגט,** "Micro Bird'ס פייערליכע עפענונג איז א מאכטפולע ביישפיל פון די ווירקונג וואס סטראטעגישע אינוועסטירונג און שטארקע שותפות'ן קענען האבן אין קלינטאן קאונטי. ביי די IDA, איז דאס אונזער מיסיע צו אהערשטעלן די אומשטענדן אין וועלכע ביזנעסער ווי Micro Bird קענען מצליח זיין, ברענגענדיג סטאביליטעט פאר אונזער ארבעטסקראפט און זיכער מאכנדיג אז גוטע דזשאבס בלייבן דא אין אונזער קאמיוניטי. מיר זענען שטאלץ צו האבן געשטיצט דעם פראיעקט, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די פירמע בליהענדיג דא פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

די היינטיגע באנייאונג צערעמאניע פייערט די גלאטע אריבערגאנג פון Nova Bus צו Micro Bird, זיכער מאכנדייג אז הונדערטע ארבייטער קענען פארזעצן צו בויען קאריערעס אין פארגעשריטענע טראנספארטאציע מעניופעקטשורינג בשעת'ן פארשטערקערן דעם ראיאן'ס ראלע אין די ריינע ענערגיע עקאנאמיע.

אין 2024 האט די לאנד'ס פירנדע האנדל מאגאזין פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג און ביזנעס לאקאציע פלאנירונג, *Business Facilities*, געשאנקען פאר ESD די "Deal of the Year Impact Award" (געשעפט פון די יאר אויסצייכענונג) פאר דעם Micro Bird פראיעקט, אנערקענענדיג די באדייטנדע פאזיטיווע עקאנאמישע ווירקונג וואס דאס וועט האבן אויף די פלאטסבורג קאמיוניטי. די פרעסטיזשפולע אויסצייכענונג איז מיטגעטיילט געווארן דורך די ESD מיט אירע קריטישע לאקאלע שותפים: קלינטאן קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור, נארט קאנטרי טשעימבער אָוו קאמערס, נארט קאנטרי REDC און די טאון אָוו פלאטסבורג.

די נארט קאנטרי איז א היים צו קריטישע טראנספארטאציע עקוויפמענט און לופט-חלל פירמעס אריבער דעם ראיאן וואס באשטייט פון זיבן קאונטיס, פראדוצירנדיג פארגעשריטענע טראנספארטאציע און לופט-חלל באשטאנדטיילן וואס ווערן געבויט פאר שאסייען, באנען, לופט טראנספארטאציע און ים טראנספארטאציע. Micro Bird שליסט זיך אן אין א שטאנדהאפטיגע ריינע טראנספארטאציע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע וואס רעכנט אריין Beta, Alstom און Norsk Titanium — אלע טייל פון ניו יארק'ס פירערשאפט ביים רעדוצירן קארבאן עמיסיעס, פארבעסערן די געזונטהייט פון די פובליקום און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן